און כדי דער שבת זאל זיין נאך שטארקער, מאכט מען דערצו אויך דעם "שש שנים תזרע שדך"[86] בפשטות, "ושש שנים תזמור כרמך"[86] בפשטות.

ובכללות - אז מ'האט די גאולה האמיתית והשלימה פון דעם אידישן פאלק און פון דער אידישער לאנד און פון דער אידישער תורה, און אין אן אופן פון "באשלמותא", ביז בפשטות ממש.

* * *

כ. היות דער היינטיקער שיעור אין רמב"ם איז דער "סיום" פון הלכות שלוחין ושותפין, וואס א סאך ענינים שבהלכות אלו רעדן זיך אין מס' בבא בתרא (ווי אנגעצייכנט אין ספר המ"מ) - דערמאנט דאך דאס אויך אויף דעם "סיום" פון מס' בבא בתרא.

וואס דער סיום פון בבא בתרא איז בעצם א סיום אויף די אלע דריי בבות, ווייל זיי רעכענען זיך בנוגע לכמה ענינים אלס איין מסכתא[87].

און דאס איז אויך מובן פון זייערע נעמען "בבא קמא" "בבא מציעא" און "בבא בתרא", וואס דאס גופא איז מדגיש אז דאס איז איין זאך, נאר עס האט דריי פאלן (דריי בבות), דער ערשטער פאל, דער מיטלסטער פאל און דער לעצטער פאל.

און ווי עס שטייט אין זהר פ' בלק[88], אז די דריי בבות זיינען אויסגעשטעלט על סדר הכתוב שבעניני נזיקין:

אין פסוק[89] שטייט "על כל דבר פשע על שור על חמור על שה על שלמה על כל אבידה אשר יאמר כי הוא זה עד האלקים יבוא דבר שניהם גו'".

זאגט דער זהר, אז כנגד "על כל דבר פשע" איז מס' בבא קמא, וואס הויבט זיך אן מיט "ארבעה אבות נזיקין", ענין של פשע; כנגד "על שלמה" איז מס' בבא מציעא, וואס הויבט זיך אן מיט "שנים אוחזין בטלית", און כנגד "עד האלקים יבוא דבר שניהם" קומט מס' בבא בתרא וואס הויבט זיך אן מיט ענין השותפין ("השותפין שרצו לעשות מחיצה כו'"), ענין "דבר שניהם"[90].

---

86) שם, ג. 87) ב"ק קב, א. ע"ז ז, א. 88) ח"ג קצח, א. וראה הנסמן בנצו"ז שם. 89) משפטים כב, ח. 90) ראה שיחת ש"פ בלק תשל"ז. אור החמה ולקוטי לוי"צ לזהר שם. הגהות הגר"א לזהר שם.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ועוד זאת: ס'איז מבואר בכ"מ*[90] אז די דריי בבות הנ"ל זיינען כנגד די דריי בתי מקדשות.

וואס דאס איז אויך מרומז אין דעם פסוק הנ"ל - "על כל דבר פשע" איז דער חורבן בית ראשון [וואס דאס איז אויך דער ענין וואס דעמולט זיינען נחסר געוואורן די חמשה דברים שלא חזרו בבית שני, ווי די גמרא זאגט אויף "ואכבדה" חסר ה'[91]], "על שלמה" איז רומז אויף חורבן בית שני, ווארום חורבן בית שני איז ענינו דער חסרון הלבוש [כידוע[92] דער משל פון רלוי"צ באַרדיטשעווער בנוגע צו שבת חזון, אז דער ענין פון בית שני איז געגליכן צו א מלבוש יקר וואס מ'באווייזט וכו'], און "עד האלקים יבוא דבר שניהם", דער ענין השותפות, איז כנגד הבית השלישי, ווען עס וועט נתגלה ווערן בגלוי ווי אידן מיטן אויבערשטן זיינען ניט נאר שותפים בעניני התורה, נאר זיי זיינען שותפים בכל העולם כולו, און אין אן אופן פון "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו"[93], וואס דעריבער וועט זיין דער "ועמדו זרים ורעו צאנכם ובני נכר אכריכם"[94], ווייל אידן וועלן זיין שותפים להקב"ה, עושים רצונו של מקום[95], תורתם אומנתם[96], במילא וועלן די אומות העולם טאן בכל הענינים הנ"ל[97].

געפינט מען טאקע אויך בנוגע צו די שלשה בתי מקדשות, אז זיי זיינען גערעכנט ווי איין בית המקדש, ווי דער רמב"ם איז מדגיש[98], אז אויך זיי אלעמען איז חל דער ציווי[99] "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", ומובן מדברי הרמב"ם אז ס'איז דא כמה ענינים וואס זיינען בשוה בכל שלשת בתי המקדש (און אזוי איז אויך מובן מציור בתי המקדשות, ווי אין מס' מדות וכיו"ב).

כא. בהמשך לכל האמור וועט מען יעצט מאכן דעם סיום אויף מס' בבא בתרא.

ווארום כאטש אז מען דארף זיך אויסהיטן פון מאכן א סיום ווען מ'מאכט א התוועדות בשבת, ווי גערעדט באריכה בשנה שעברה[100] (און אויך אפגעדרוקט וכו'), פונדעסטוועגן, וויבאלד אז דאס איז בלויז א "המשך" פון דער התוועדות, און איז ניט ביום השבת עצמו, וועט מען מאכן בקיצור נמרץ א סיום אויף מס' ב"ב.

---

91) יומא כא, ב. ירושלמי תענית פ"ב ה"א. 92) נעתק באוה"ת נ"ך ח"ב ע' א' קצז. 93) ישעי' מ, ה. 94) שם סא, ה. 95) ברכות לה, ב. 96) ראה שבת יא, א. רמב"ם הל' תפלה פ"ו ה"ח. ועוד. 97) ברכות שם. 98) ריש הל' ביהב"ח. וראה לקו"ש חכ"א ע' 149 ואילך ובהנסמן שם. 99) תרומה כה, ח. 100) שיחת ש"פ בשלח, יו"ד שבט תשד"מ סעיף כ"ז ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

די מס' רעדט דאך, כאמור לעיל, וועגן עניני שותפין וכיו"ב, ובסיומה רעדט זיך וועגן הלכות ערבות שבין מלוה ולוה.

ויש לקשר דעם סיום המסכתא אויך מיט תחלת המסכתא - "השותפין שרצו לעשות מחיצה בחצר כו'".

פונקט ווי די התחלת המסכתא רעדט וועגן "שותפין", אזוי איז אויך דער ענין פון מלוה ולוה א מעין פון א שותפות:

ס'זיינען פאראן כמה ענינים אין וועלכע דער מלוה ולוה זיינען משותפים - לדוגמא די געלט זיינען פריער געווען ביים מלוה, דערנאך גייען זיי צום לוה, און דערנאך קערן זיי זיך אום צו מלוה; כתיבת השטר איז ע"י עדים המכירים את שניהם[101]; עד"ז זעט מען בנוגע לדיני עדות, אז א מלוה ולוה קענען ניט מעיד זיין זה לזה (דחיישינן לקנוניא), ווי דער רמב"ם ברענגט (בהשיעור יומי)[102]; ועוד כמה ענינים.

כב. שטייט בסיום המשנה: "ערב היוצא לאחר חיתום שטרות (והוא הדין לערב בלא שטר לאחר מתן מעות - רש"י) גובה מנכסים בני חורין. מעשה ובא לפני ר' ישמעאל ואמר, גובה מנכסים בני חורין, אמר לו בן ננס אינו גובה לא מנכסים משועבדים ולא מנכסים בני חורין. אמר לו למה? אמר לו, הרי החונק את אחד בשוק ומצאו חבירו ואמר לו הנח לו ואני אתן לך פטור, שלא על אמונתו הלוהו, אלא איזה הוא ערב שהוא חייב, הלוהו ואני נותן לך חייב, שכן על אמונתו הלוהו. ואמר ר' ישמעאל, הרוצה שיחכים יעסוק בדיני ממונות, שאין לך מקצוע בתורה יותר מהן והן כמעין הנובע, והרוצה שיעסוק בדיני ממונות ישמש את שמעון בן ננס".

זאגט אויף דעם די גמרא[103]: "אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן, אף על פי שקילס רבי ישמעאל את בן ננס הלכה כמותו".

אין אנדערע ווערטער, די הלכה איז אז עס קען זיין א מציאות של ערבות אויך לאחר ההלואה, ווייל גמר ומקני נפשי'.

און די גמרא פירט אויס, אז לדעת ר' יוחנן איז "חלוק הי' ר' ישמעאל אף בחנוק" און "והלכה כמותו אף בחנוק".

דערנאך זאגט אבער די גמרא: "אמר רב יהודה אמר שמואל חנוק וקנו מידו משתעבד".

---

101) רמב"ם הל' מלוה ולוה פכ"ד ה"ג. 102) הל' שלוחין ושותפין פ"י ה"ו. וראה רמב"ם הל' מלוה ולוה פ"ב ה"ו. פס"ו ה"ו. 103) ב"ב קעו, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

און דערנאך פירט אויס די גמרא, "והלכתא ערב בשעת מתן מעות לא בעי קנין אחר מתן מעות בעי קנין".

כג. דער סיום האמור אין גמרא איז אין בבלי.

אבער אין ירושלמי ברענגט זיך אין גמרא בלויז שיטת ר' יוחנן, אז "אף בחנוק הלכה כרבי [ישמעאל]".

קומט דאך אויס א קלארער חילוק צווישן ירושלמי און בבלי: פירט אויס אז די הלכה איז אז "ערב לאחר מתן מעות בעי קנין", משא"כ אין ירושלמי ברענגט זיך בלויז שיטת ר' יוחנן.

און מ'קען ניט זאגן אז דאס איז (ניט קיין חילוק בתוכן, נאר) בלויז ווייל שמואל איז געווען אין בבל משא"כ מארי' דירושלמי איז ר' יוחנן[104] - ווארום אין דער זעלבער סוגיא אין ירושלמי לפנ"ז ברענגט זיך די שיטה פון שמואל (אין אן אנדער ענין)!

במילא איז דורש ביאור: וואס איז דער טעם פון דעם וואס שיטת הירושלמי איז אז ערבות לאחר מתן מעות דארף ניט האבן קיין קנין, און שיטת הבבלי איז אז בעי קנין?

כד. ויש לומר הביאור בזה - אז דער בבלי און דער ירושלמי גייען לשיטתייהו בכללות ענינים, דאס וואס תלמוד ירושלמי איז תלמודה של ארץ ישראל (באופן אז פון ארץ ישראל זאל נתפשט ווערן בכל העולם כולו, כולל בבל), און תלמוד בבלי איז תלמודה של בבל דוקא (באופן אז פון בבל זאל נתפשט ווערן בכל העולם כולו, כולל ארץ ישראל).

ובהקדים:

דער טעם פון ר' יוחנן איז דאך, אז פונקט ווי אן ערב שלפני מתן מעות דארף ניט האבן קיין קנין ווייל "בההיא הנאה" וואס מ'איז סומך אויף אים און מ'איז מלוה על אמונתו איז "גמר ומקני נפשי'", אזוי איז אויך די הנאה שלאחרי זה דערפון גופא וואס א איד ווייס אז דערמיט העלפט ער ארויס א צווייטן אידן, איז גענוג עס זאל זיין "גמר ומקני נפשי'".

וואס דאס באווייזט ווי ר' יוחנן איז מדגיש דעם ענין פון אחדות והתאחדות צווישן אידן, אז דאס ארויסהעלפן א צווייטן אידן איז אן ענין של הנאה.

---

104) הקדמת הרמב"ם לספר היד.

הנחת הת' בלתי מוגה

משא"כ שמואל האלט, אז דאס איז ניט געגוג, און זאגט אז די הנאה צו ארויסהעלפן א צווייטן אידן איז בלויז א הנאה רוחנית, און ס'איז ניט דומה צו דער הנאה ווען דאס איז בשעת מתן מעות וואס דאן איז "על אמונתו הלוהו".

וואס דא זעט מען אז עס איז ניטא די הדגשה הנ"ל.

וואס דאס איז דער כללות החילוק צווישן ארץ ישראל און בבל:

איינער פון די ענינים וועלכע טיילן אויס ארץ ישראל איז דאס וואס אמיתית ענין ה"ציבור" (אחדות) איז דוקא בארץ ישראל, ווי די גמרא זאגט[105] "אין (תענית) ציבור בבבל".

ד.ה. אז בשעת עס קלייבט זיך צוזאמען א ציבור אין בבל, איז כאטש אז דאס ווערט א צירוף בנוגע צו אמירת קדושה וברכו וכו', וויבאלד אבער אז דאס איז חו"ל וואס "אוירה טמא"[106] און "במחשכים הושבני"[107], קען דארט ניט ניט זיין דער תוקף הציבור פון א תענית ציבור.

ווייל כדי האבן דעם תוקף דארף מען האבן די קדושה פון ארץ ישראל, וואס די "ארץ" גופא איז "מצרף" כל מה שבתוכה [וי"ל אז דאס איז ע"ד ווי א כלי שרת וואס איז מצרף כל מה שבתוכה[108]] – משא"כ בבל האט ניט דעם תוקף.

און דערפון קומט טאקע ארויס דער חילוק הנ"ל:

ווען עס רעדט זיך וועגן דער הנאה דערפון וואס "על אמונתו הלוהו" איז דאס סיי לפי הבבלי סיי לפי הירושלמי א הנאה מספיקה.

ווען עס קומט אבער צו אן ענין דק ביותר, ווי די הנאה פון אן ערב שלאחר מתן מעות, זעט זיך דא דער חילוק צווישן תלמוד בבלי ותלמוד ירושלמי, אז לפי סיום תלמוד ירושלמי קומט אויס אז אויך די הנאה איז געגוג, משא"כ לויטן תלמוד בבלי דארף מען האבן אן ענין של קנין.

ויש להאריך בכל זה.

---

105) ראה פסחים נד, ב. ברכות נח, א. וראה צפע"נ על הרמב"ם הל' ברכות פ"י הי"ג. מהדו"ת צ, ב. ועוד. 106) רמב"ם הל' טומאת מת רפי"א. 107) איכה ג, ו. סנהדרין כד, א. 108) ראה פסחים יט, א. וש"נ. רמב"ם הל' אבות הטומאה פי"ב ה"ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

כה. ובהמשך לזה יש לבאר בפנימיות הענין ובעבודת האדם – דעם תוכן פון סיום מס' בבא בתרא:

פריער איז די משנה מסיים אז "הרוצה להחכים יעסוק בדיני ממונות", וואס יש לומר הפירוש בזה, אז דער אמת'ער חכם פון "עם חכם ונבון"[109] דארף זיך ניט באגנוגענען דערמיט וואס ער איז א "חכם" אין מילי דשמיא אליין, ווייל דאס איז נאך ניט קיין ראי' אז ער האט דורכגעפירט זיין שליחות בעולם בחכמה, ווייל עיקר השליחות איז דוקא בעולם הזה הגשמי והתחתון, אין עניני ממונות בפשטות.

און אין דעם גופא איז פאראן אויך אן אנדערע מעלה ווי ער זאגט אין תניא[110] בנוגע למצות הצדקה, אז "הי' יכול לקנות חיי נפשו" – וואס דוקא דעריבער פועלט די מצוה א בירור נעלה שלא בערך כל העולמות כולם.

און דורך דעם קומט מען צום סיום פון אלע ג' בבות, ווייל מ'איז מתקן דעם "פשע" פון די "נזיקין" פון בבא קמא, און מ'איז מחזיר די "שלמה", דעם "טלית", פון "בבא מציעא", און ניט באופן פון "יחלוקו", נאר באופן של שותפין דוקא, ביז אז מ'ווערט איין מציאות.

און אין דעם קומט צו אויך די שלימות העבודה וואס ברענגט זיך ארויס אין שיטת ר' יוחנן, אז די הנאה רוחנית וואס א איד האט דערפון וואס ער איז גורם מען זאל ניט "חונק" זיין א צווייטן אידן און אים געבן "חיי נפשו" איז גענוג ער זאל זיך משעבד זיין צו דעם מלוה מיט ממונו וואס "הי' יכול לקנות חיי נפשו".

און דורך די אלע ענינים ווערט די "בבא בתרא" פון גלות, וואס דעריבער גייט מען גלייך פון מס' בבא בתרא צו מס' סנהדרין (ווי מ'זאגט אין נוסח ההדרן, "כן יעזרני להתחיל..מסכתות אחרות", ד.ה. די מס' שלאח"ז), וואס דאס איז דער ענין פון "ואשיבה שופטיך כבראשונה"[111], וואס דאס איז פון די סימנים אויף דער גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

כו. מ'האט דערמאנט פריער וועגן דעם היינטיקן שיעור חומש, וואו עס רעדט זיך וועגן "בחודש השלישי ביום הזה באו מדבר סיני ויחן שם ישראל נגד ההר"[112], וכפירוש רש"י, "כאיש אחד בלב אחד".

---

109) ואתחנן ד, ו. 110) פל"ז. 111) ישעי' א, כו. וראה רמב"ם הל' מלכים רפי"א. 112) פרשתנו יט, א-ב.

הנחת הת' בלתי מוגה